טעאַטער

שמעון קאַנץ

# „מאַרסיע און קאַמיע" אין ירושלימער „תיאַטרון החאן"

„מאַרסיע און קאַמיע" אין ירושלימער „תיאַטרון החאן" איז א פאַרשטעלונג וואָס איז ווייט פון יעדער פאַרווילערישקייט. זי פאָדערט פונעם צושויער עמאָציאָנעלן און אינטעלעקטועלן אָנשטרענג, א שפּעריש־אַקטיוון צוקוקן זיך צו די באַזונדערע זשעסטן און באַוועגונגען פון די געשטאַלטן און אויפמערקזאַמען צוהערן זיך צו יעדן וואָרט פון דעם טעקסט. אַנדערש פאַרלירט מען די הנאה פון דער עסטעטישער איבערלעבונג און עס בלייבט בלויז די אָנגעשטעקטקייט מיטן לאַנגווייל און קאָמישער אויסוועגלאָזיקייט פון די נעבעכדיקע פאַרשוינען.

די פאָרשטעלונג איז באַאַרבעט געוואָרן פון סעמיועלס בעקעטס ראָמאַן און אַלץ רופט זיך אין איר איבער מיט זיין דראַמע „מ'וואַרט אויף גאָדאָ", וואָס ער האָט געשריבן מיט יאָרן שפּעטער. דאָ זענען פאַראַן די זעלבע שוואַרצע קאָלירן פון ווערן צעריבן דורכן מולך פון לעבן. דאָס וואַרטן אַליין איז דער אינהאַלט. נישט וויסנדיק אויף וואָס און אויף וועמען: אויף א הילף? פון א מענטש, צי פון גאָט? צי גאָר אויפן דערלייזערישן טויט? דאָס צוזאַמענלעבן פון די מענטשן איז פול מיט אַנטאַגאָניזמען, אָבער זיי קענען זיך נישט צעשיידן.

דאָך איז אין דער פאָרשטעלונג אין חאן ארויסגענומען געוואָרן פון דעם ראָמאַן דאָס אַנדערשדיקע און באַזונדערע פון די געשטאַלטן. די צוויי פּריינס מאַרסיע און קאַמיע רעדן צווישן זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעכער איינפאַכיקייט וועגן די סאַמע וויכטיקסטע זאַכן אין לעבן. אַנדערש פון די וואַרטנדיקע דידי און גאָגאָ, די העלדן פון דער פּיעסע „מ'וואַרט אויף גאָגאָ", זענען מאַרסיע און קאַמיע גייענדיקע און כאַטש זייער גראָטעסק איז דער זעלבער. אַזוי אויך דער געראַנגל מיט דער טעמע, דער אויסקלאַנג פון רעזיגנאַציע, דאָס געפיל און די אַטמאָספער פון אומבאַהאָלפנקייט, זענען אָבער. א דאַנק דעם וואָס זיי זענען גייענדיקע (גייט דאָך דער קאַראַן א רעצעפט צו דערקענען א מענטש, א חבר, דורך גיין מיט אים אין וועג), פאַראַן דאָ מער אויסלאָדונגען, וואָס דערפירן צו בליציקע שפּאַלטן אין דער אויבערפלעכלעכקייט פון לעבן און אַנטפּלעקן די אינערלעכע וועלט פון די מענטשן. אַזוי אַז מיר זאָלן קענען אריינקוקן אין דער חשכות פון זייער נשמה און במילא קומען זיי ארויס פולער, רייכער, ווי פון א צעפיבערטער פאַנטאַסמאַגאָריע. דאָס גיין פון מאַרסיע און קאַמיע און אַלע זייערע באַוועגונגען זענען אומווילקע און ווייזן זיך גיך, אָבער ניט צוועק־מעסיק. דערפאַר זענען זיי אויף לע־

(סוף אויף זייט 5)

## „מאַרסיע און קאַמיע"

(סוף פון זייט 4)

בערלעך און קאָמיש.

די רעזשיסערין מיכל גוברין האָט אַלע פּרסים און גיואַנסן אַזוי פּרעציז באַאַרבעט, אַז פונעם שטאַנדפּונקט פון דער אינערלעכער לאָגיק זענען זיי מערקווירדיק צוועקמעסיק און די טעמע באַשטייט בכלל נישט אין ווייזן אויף וויפל די וועלט איז לעכערלעך, נאָר אין ארויסברענגען אויף וויפל די וועלט איז טראַגיש.

ששון גבאי אַלס מאַרסיע און אַבינועם מור־חיים אַלס קאַמיע האָבן פאַרשטאַנען אריינצואָטעמען לעבן אין די אויסטערלישע געשטאַלטן, וואָס דאַרפן אויסדריקן דעם תמצית פונעם טראַגישן לעבנספּלאָנטער אין מענטשלעכן גורל. אהרון אַלמוג פירט אויס די ראָל פון נאַראַטאָר מיט שוישפּילערישער אינוועניץ און חכמה.

ארכיון ... מארסיה וקאמיה ת. החאן ...

לעצטע נייעס אפריל 1979